**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פאסאנזשירן און OMNY רעקארדס נאכפאלגנדיג די פאנדעמיע**

***מעטראָו-נאָרט באנען האבן געפירט א רעקארד 193,000 פאסאנזשירן דעם דינסטאג, אקטאבער 11***

***סאָבוועי האט עררייכט פאנדעמיע סוף-וואך רעקארד מיט 2.396 מיליאן פאסאנזשירן דעם שבת, אקטאבער 8***

***סאָבוועי OMNY האט עררייכט א רעקארד פון א סוף וואך מיט 1.071 מיליאן מאל וואס עס איז גענוצט געווארן דעם שבת, אקטאבער 8***

***לאנג איילענד רעיל ראָוד איז אנגעקומען צו 203,000 פאסאנזשירן***

***Access-A-Ride האט געבראכן א פאנדעמיע רעקארד מיט 28,500 רייזעס געבוקט דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג, אקטאבער 6***

***[זעהט די טעגליכע פאסאנזשירן ציפערן]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס (Metropolitan Transportation Authority, MTA) מעטראָו-נארט באנען האט געבראכן די רעקארד פון די צאל פאסאנזשירן אין די פאנדעמיע תקופה נעכטן, דינסטאג, אקטאבער 11, מיט 193,000 פאסאנזשירן, איבערשטייגנדיג די פאריגע רעקארד וואס איז געשטעלט געווארן דינסטאג, סעפטעמבער 20. אין צוגאב, האט די ניו יארק סיטי סאָבוועי געפירט 2,396,000 פאסאנזשירן דעם שבת, אקטאבער 8 — 73.4 פראצענט פון די צאלן וואס זענען געזעהן געווארן בעפאר די פאנדעמיע, איבערשטייגנדיג די פאריגע רעקארד פון א סוף וואך אין די תקופה פון די פאנדעמיע פון 2,388,000, געשטעלט צוויי וואכן בעפאר דעם. די סאָבוועי OMNY סיסטעם האט באקומען א רעקארד צאל פאר א סוף וואך מיט 1,071,000 מיליאן 'טעפּס' אויף דעם טאג.Access-A-Ride האט אויך געבראכן א פאנדעמיע רעקארד מיט 28,500 רייזעס געבוקט דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג, אקטאבער 6 — בערך 90 פראצענט פון די צאלן וואס זענען געזעהן געווארן בעפאר די פאנדעמיע.

"איך בין באגייסטערט צו זעהן ניו יארקער פארזעצנדיג צו ברעכן פאסאנזשירן רעקארדס, און איך קען נישטווארטן צו זעהן ווי ווייט די שוואונג קען אונז נעמען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פובליק טראנספארטאציע איז נישט נאר אן ענווייראמענט-פריינטליכע און ביליגערע וועג צו ארומפארן ניו יארק סיטי און סטעיט, נאר עס איז אויך די בעסטע וועג צו הנאה האבן פון אלעס וואס ניו יארק האט צו אפפערן."

**מעטראָ-נארט פרעזידענט און לאנג איילענד רעיל ראָוד צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די ציפערן ווייזן אויף דאס וואס מיר ווייסן שוין סיי ווי: פאר מענטשן וואס גייען צו די בראנקס אדער צו די שטעטלעך צו צפון פון די סיטי אדער מזרח צו קאנעטיקוט, איז מעטראָ-נארט די בעסטע וועג צו גיין. און מיט די Yankees אויפן וועג צו געווינען די World Series שפילן צום ערשטן מאל זינט 2009, ווייסן Yankees אנהענגער אז די שנעלסטע, ביליגסטע און זיכערסטע וועג צו אנקומען צו די 'היים שפילן' ביי די סטאדיום איז פובליק טראנספארטאציע."

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי שטעלט זיך צוריק אויף, און פארנומענע באנען יעדע סוף זענען א באווייז דערצו. פובליק טראנספארטאציע איז די שנעלסטע, גרינגסטע, מערסטע ענווייראמענט-אחריות'דיגע און מערסטע שפארזאמע וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי, און מיר זעהען מער און מער מענטשן איסנוצנדיג דאס אויף א טעגליכן פארנעם. רייזנדע קענען זיך פארלאזן אויף מאסן טראנספארטאציע זיי צו ברענגען דארט וואו זיי ווילן אנקומען, צו עס איז צום ארבעט, סקול אדער פארווייליגנען ביים סוף וואך און דורכאויס די וואך."

**MTA טשיעף אקסעסעביליטי אפיסער, קעמוּעל אראַיאָו, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק'ס ערהוילונג זעצט פאר צו גיין פאראויס, שטייט די MTA אין שפיץ פון די וועג מיטן שאפן א געשליפענע און באקוועמע רייזע ערפארונג פאר פאסאנזשירן מיט דיסאביליטיס. ניו יארקער וועלכע דארפן פארן צווישן די בוראָס קענען זיך פארלאזן אויף די MTA זיי צו ברענגען צו זייערע דעסטינאציעס, און די לעצטע געבראכענע רעקארדס ווייזן אז מיר זענען אויף די ריכטיגע רעלסן."

**MTA צייטווייליגע טשיעף קאסטומער אפיסער, שאניפע ריערע, האט געזאגט,** "OMNY איז די שנעלסטע און געשליפענסטע וועג פאר טראנספארטאציע רייזנדע צו באצאלן פאר זייער טיקעט אויף סאָבוועיס און באסעס, און די לעצטע געבראכענע רעקארד דעם סוף וואך ווייזט אז ניו יארקער נוצן די 'טעפּ' סיסטעם אין גרעסערע ציפערן. מיר מוטיגן פאסאנזשירן צו איסנוצן די באקוועמליכקייט פון קאנטאקטלאזע באצאלונג איז די וועג וואס איז די באקוועמסטע פאר זיי, צו עס איז דורך א 'סמאַרט' דעוויס מיט א דיגיטאלע בערזל אדער דורך א קאנטאקטלאזע קארטל."

אום דינסטאג, אקטאבער 11, האט די סאָבוועי געהאט נאך א שטארקע טאג, פירנדיג 3,642,000 פאסאנזשירן, און צוזאמען מיט באס פאסאנזשירן, האט ניו יארק סיטי טראנזיט געפירט כמעט 5 מיליאן ניו יארקער.

OMNY אדער One Metro New York (איין מעטראָ - ניו יארק) איז ארויסגעקומען צו די פובליק אין 2019 צו ווערן אויספרובירט ביי 19 סאָבוועי סטאנציעס און אויף סטעטן איילענד באסעס. די אינסטאלאציע פון די קאנטאקטלאזע סיסטעם איז געענדיגט געווארן אין דעצעמבער 2020, מיט אלע 472 סאָבוועי סטאנציעס און אלע פון די MTA 5,800 באסעס יעצט זייענדיג אויסגעשטאט מיט בערך OMNY 15,000 לייענער מאשינען.

די אויטאריטעט איז ארויסגעקומען מיט א פראבע פראגראם צו שטעלן א מאקסימום פרייז פאר מענטשן וואס נוצן OMNY אויף סאָבוועיס און באסעס פריער דעם יאר. די פראבע רעכנט אריין א "Lucky 13" פיטשעווקע, דורך וועלכע – אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך – וועט יעדע רייזע נאכדעם אויף די סאבוועי אדער באסעס זיין אומזיסט פאר די רעשט פון די וואך.

די לאנג איילענד רעיל ראָוד האט געפירט מער פון 203,000 פאסאנזשירן דעם דינסטאג, איבערשטייגנדיג די צאל פון 200,000 צום דריטן מאל דעם חודש און צום זעקסטן מאל זינט דאנערשטאג, סעפטעמבער 1.

אויף די באנען, זעצן סיי LIRR און סיי מעטראָ-נארט פאר צו אפפערן טיקעט דיסקאונט פעקעדזשעס, ארייננרעכענענדיג א 10 פראצענטיגע דיסקאונט אויף חודש'ליכע פאסן און א נייע 20-רייזע טיקעט ספעציעל פאר מענטשן וועלכע ארבעטן טיילוויייז פונדערהיים. די נייע 20-רייזע טיקעט שפארט איין פאר פאסאנזשירן 20 פראצענט אויף רעגלמעסיגע טיקעטס אין פארנומענע צייטן. פאר די פאסאנזשירן פון די באנען וועלכע פארן אין די פינף בעראוס האט די MTA אויך פארברייטערט 'סיטי טיקעט' (City Ticket), וואס אפפערט א רעדוצירטע באשטימטע פרייז פון $5.00 פארן נוצן די באן אין ניו יארק סיטי סוף פון די וואך צו ארייננרעכענען אלע באן רייזעס אין נישט פארנומענע צייטן אין וואכן טעג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418